# געשמאקע ענינים

## בדרך דרוש וחסידות

שיעורי הרב משה יצחק
אויסטערליץ שליט"א

שמיני עצרת
ושמחת תורה
תשפ"ב

# שמיני עצרת ושמחת תורה - תוכן הענינים

די הייליגע בקשות ביי דעם עת רצון פון די הקפות ...................... ג'

## הוצאות הגליון נתנדב ע"י

מו"ה ר' **זאב יואל גרינצווייג** הי"ו
לזכות את הרבים בדברי תורה וחסידות
יזכה לקבל ההשפעות טובות מההקפות הקדושות
ושמחת התורה

**חכם לב יקח מצוות**

לכבוד הקוראים החשובים המתענגים על דברי תורה וחסידות הע"י
**נא להושיט יד עזרה לסייע בהוצאות הגדולות של עריכת הגליונות**,
מי שביכלתו לקנות זכות של "**הקדשת הגליון**" בעד סכום של - **$613**
או זכות של "**השתתפות בגליון**", בסכום של - **$180**
וכן מתקבל בחשיבות **כל נדבה ונדבה**, ופרוטה פרוטה מצטרפת.

זכות התוה"ק ועניני עבודת השי"ת - וזכות הצדיקים ששפתותיהם דובבות ללמד
זכות על הלומדים דבריהם, יעזור ויגן ויושיע להתברך בשפע כל טוב סלה.

יכולים לתרום: ע"י מודעה על מספר הטעלעפאן 845-540-2180
או ע"י: E-mail: geshmak@koshermail.net
וכן ע"י הפאסט על האדרעס:
Geshmak / 23 Roosevelt Ave. / New Square N.Y. 10977

**שאר דרשות עה"ת ומועדים**
**ניתן לשמוע בקו 'קול התורה' דחסידי סקווירא**
**845-678-8363 > 2 > 4 > 7**
**שיעורים על שמחת תורה #99/180/432**

# שמיני עצרת ושמחת תורה

## די הייליגע בקשות ביי דעם עת רצון פון די הקפות

מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף וועט מען פרובירן בקיצור אביסל אנצורירן איין פרט פון דער גרויסער און הייליגער עבודה פון די צווייטע טעג פון יום טוב סוכות.

אז מ'גייט אריין אין די מקורות און די יסודות פון דער הייליגער עבודה פון "הקפות", מ'קוקט אריין אין די ווערטער פונעם הייליגן **רמ"א** (סימן תרס"ט) ווערט בקיצור אראפגעברענגט דעם ענין פון 'הקפות'. און ווי ס'זעט אויס זענען דא אין דעם דריי חלקים, ביי אונז רופט מען עס טאקע אויף דעם שם הכולל - '**הקפות**', אבער בפשטות זענען דא אין דעם דריי חלקים.

### עבודה פון "הקפות" - ביינאכט און בייטאג

איין חלק איז טאקע דאס וואס מ'זאגט 'הקפות', אז פאר יעדעס מאל וואס מ'הייבט אן צו טאנצן גייט מען ארום דער בימה. און אויף דעם איז שוין דא דער מנהג סקווירא, אז ביידע נעכט מאכט מען טאקע זיבן הקפות, אבער בייטאג מאכט מען נאר דריי.

אנדערע ברענגען אז בעצם דאס וואס מ'מאכט נאר דריי הקפות שמח"ת בייטאג, איז א מנהג וואס ווערט שוין דערמאנט פון פריערדיגע אז מ'דארף מאכן "דריי און א האלב הקפות", פשט איז אז מ'רעכנט די דריי הקפות וואס מ'גייט אינגאנצן ארום די בימה, און נאכדעם ווען מ'גייט פונעם עמוד ביז'ן בימה צום ליינען - דאס רעכנט מען פאר א האלבע הקפה. און מ'טרעפט שוין אין פריערדיגע מקורות דעם מנהג אז בייטאג האט מען געמאכט נאר דריי און א האלב הקפות.

דער חלק פון 'הקפות' איז אינגאנצן אן ענין עפ"י סוד, אזויווי די הקפות וואס מ'מאכט גאנץ סוכות אלס זכר למקדש וואס מ'האט מקיף געווען דער מזבח, זענען דא אין די הקפות פון שמחת תורה און שמיני עצרת אויך סודות,

אז די זיבן הקפות זענען אנטקעגן די ז' מידות וכו'. דאס איז איין חלק פון די עבודה - די העכערע ענין פון די '**הקפות**'.

## שירות ותשבחות לכבוד התורה

נאכדעם איז דא די חלק פון "**שירות ותשבחות**" - דאס זינגען. דער חלק פון זינגען האט בעצם נישט קיין שייכות דוקא מיט די הקפות, נאר פארקערט, נאך פאר ס'ווערט אראפגעברענגט דער ענין פון מאכן הקפות, ווערט שוין דערמאנט אז אום שמחת תורה איז דא אן ענין פון זינגען שירות ותשבחות לכבוד התורה.

ווי מ'זעט אז דער **רמ"א** רעדט קודם פון שירות ותשבחות, און ער שרייבט די לשון **וכל מקום לפי מנהגו**, און נאכדעם דערמאנט ער א מנהג, מקיף צו זיין מיט די ספרי התורה.

דער ענין פון זינגען שירות ותשבחות אין שמחת תורה, איז אן עקסטערע יסוד, דאס איז פאר כבוד און שמחת התורה אז מ'איז מסיים די תורה, און דאס ווערט אויך צעטיילט אין צוויי ענינים, די חלק פון זינגען די "פיוטים" אליינס, און ס'זענען אויך דא "אן ווערטער" - פשוט די עצם ניגונים.

## זינגען אן ווערטער

ס'איז באקאנט אז דער **סקולענער רבי בעל נועם אליעזר** זי"ע, פלעגט נאכזאגן אז דער **רבי ז"ל** האט געזאגט, אז א ניגון אן ווערטער האט א גרעסערע קדושה ווי א ניגון מיט ווערטער. און ער האט עס מסביר געווען, ווייל א ניגון אן ווערטער איז די קדושה זיך נישט מצמצם אין די ווערטער. און דער סקולענער רבי, טאקע מכח דעם ווארט וואס ער האט געהערט פון דעם רבי'ן ז"ל, האט ער מחבר געווען א געוויסע ניגון אן ווערטער, כאטש רוב פון זיינע

ניגונים וואס ער האט מחבר געווען זענען געווען מיט ווערטער, אויף פסוקים. און אין גאר הויכע זמנים פלעגט ער זינגען די ניגון אן ווערטער.

דאס זעט מען טאקע ביי די הקפות אין סקווירא, אז מ'זינגט די מקובל'דיגע ניגונים אן ווערטער. דאס איז דער צווייטער חלק פון דער עבודה, די ענין פון זמירות שירות ותשבחות.

## ריקודים - טאנצן אין יום טוב

נאכדעם קומט צו א דריטער חלק, וואס דאס איז טאנצן, די **ריקודים**. דער ענין פון ריקודים ווערט נישט דערמאנט אין **רמ"א**. דער רמ"א דערמאנט נאר זינגען מיט הקפות. דאס ברענגט דער **מגן אברהם** בשם דעם **מהרי"ק**.

ס'איז מורא'דיג אינטערעסאנט וויאזוי ס'ווערט ארויסגעברענגט אין די ראשונים די מנהג פון טאנצן, און בכלל די גאנצע היתר אז מ'מעג טאנצן. עס שטייט אין די **משנה** אין מסכת ביצה, אז איינע פון די איסורי דרבנן פון יו"ט איז 'אין מרקדין', מ'טאר נישט טאנצן, אלס דער גזירה פון 'שמא יתקן כלי שיר'. איז דאך לכאורה אביסל וואונדערליך, אז דא זעט מען אז מ'גייט טאנצן שמחת תורה.

שטייט אין **מהרי"ק**, אז לכבוד התורה האט מען מקיל געווען צו טאנצן בשעת מ'זינגט. זעט מען שוין א דריטער פרט וואס עס גייט פאר אין אין צייט, אז חוץ דאס 'זינגען' זאל מען אויך 'טאנצן'. און נישט נאר ס'איז א 'היתר', נאר די פוסקים האבן עס גאר מחזק געווען, דער הייליגער מהרי"ק איז עס זייער מחזק.

## לכבוד התורה - האט מען מקיל געווען

נאך ברענגט ער, אז ס'זענען דא נאך חלקים וואס מ'זעט אז מ'טוט אין שמחת תורה, געוויסע זענען זאכן וואס אינמיטן די יאר וואלט עס נישט אינגאנצן געשטימט מיט דער הלכה, אעפ"כ זאל מען קיין שום מנהג נישט

מבטל זיין בשום אופן, ווייל די אלע מנהגים פון שמחת תורה זענען מיוסד כדי צו פארשטערקערן די כבוד התורה.

ער ברענגט א לשון בשם **רב האי גאון**, אז '**אפילו כמה זקנים**' טאנצן אויך, אפילו זיי האבן נישט די כוחות צו דעם. און ס'איז משמע פון זיין לשון 'כמה זקנים' אז ער מיינט מיט דעם צו זאגן, אז אפילו הלכה'דיגע אידן וואס ווייסן וואס זיי טוען, פירן זיך אויך אז בשעת מ'זאגט קילוסין לתורה זענען זיי נוהג בו היתר אין די ענין פון ריקודים, און די טעם איז משום כבוד התורה, דער **משנה ברורה** ברענגט עס אראפ, דער **ביכורי יעקב** זאגט זייער שיינע לשונות, אז **יעדער זאל זיך מתאמץ זיין שטארק צו טאנצן מיט אלע כוחות.**

### ...נישט נאר ביי חסידים

מ'רעדט פון דער עבודה פון די הקפות, לויט ווי ס'וועדט געברענגט אין די חסיד'ישע ספרים דארף מען נישט קיין סאך מאריך זיין אין דעם גרויסקייט פון דער עבודה. נאר ס'איז אינטערעסאנט צו זען אז מ'מיינט אז ס'איז עפעס א 'חסידות' צו טאנצן ביי די הקפות, אבער מ'זעט אז אפילו די אשכנזים - דער ביכורי יעקב איז געווען דער 'ערוך לנר' פון שטאט בערלין, א ריכטיגער דייטשער גדול, און מ'זעט ווי ער רעדט זיך אפ אז "מענטשן נעמען נישט גענוג ערנסט די שמחה פון שמחת תורה".

ער רעדט זיך אפ זייער שארף, אז מ'זעט ביי געוויסע ווי כאטש ביי אנדערע געלעגנהייטן האט מען צייט צו פארברענגען און זיך פרייען, און פונקט ביי שמחת תורה האט מען עפעס נישט אזא חשק מרבה צו זיין די שמחה של מצוה. נאר ס'דארף זיין פארקערט, אפילו ס'איז טאקע אן ענין פון יו"ט, און אפשר וואלט געקענט זיין  עפעס א פראבלעם להלכה פון מרקדין, אעפ"כ פירט מען זיך אז לכבוד התורה איז מען יא מרקד, מ'טאנצט יא.

### מנהג פון "פאטשן"

דער אמת איז, אז אויך לגבי קלאטשן, וואס ביי אונז אין סקווירא איז דאך דא די 'שישו ושמחו טיש' וואס מ'קלאטשט, ווערט אויך דערמאנט אין

בית יוסף אין הלכות שבת, אז דאס וואס מ'פאטשט אין שמחת תורה, איז אויך א היתר פון כבוד התורה, וואס כאטש מ'פסקנ'ט אז שבת 'אין מספקין', אבער לכבוד התורה פירט מען זיך אויך צו טון די חלק פון די 'מטפחין' און די 'מרקדין'.

ממילא קומט אויס אז אין דער עבודה פון די הקפות זענען דא דריי חלקים, איין חלק פון ארומגיין די בימה מיט די ספרי תורה. נאכדעם איז דא די חלק פון די זינגען, פון די זמירות שירות ותשבחות, און אויך איז דא די חלק פון די טאנצן.

## מ'ווערט "פארברענט" מיט'ן ספר תורה אין די האנט

איז דא א הפלא'דיגער טייטש וואס דער הייליגער ר' **יושע'לע דזיקובער** זי"ע טייטשט איין א לשון הגמרא על דרך העבודה. בעצם איז עס א פחד פון לשון, די גמרא (עבודה זרה יז.) רעדט דארט פון זייער א שרעקעדיגער מעשה, אז ביי דער שרעקליכער מעשה פון די עשרה הרוגי המלכות, האט מען פארברענט ר' חנינא בן תרדיון 'וספר תורה עמו'. און די גמרא זאגט אז מ'האט אים ארומגענומען בחבלי זמורות שלא ימות מהרה, די רשעים דארט האבן געוואלט אז ער זאל האבן לענגער יסורים, האבן זיי אים ארומגעוויקלט מיט בינטלעך, אזוי אז די פייער זאל נישט גיין אזוי שנעל, כדי ער זאל לענגער האבן יסורים רח"ל.

טייטש ער איין די 'ונשרף וספר תורה עמו' על דרך העבודה, אז דאס גייט ארויף אויף צדיקים **וואס ווערן ממש פארברענט ווען זיי טאנצן מיט'ן ספר תורה, מיט אזא דביקות און התלהבות מיט אן אש קודש טאנצן זיי מיט די ספר תורה,** וואס בעצם וואלטן זיי געווארן פארברענט מיט די ספר תורה. נאר טאקע דערפאר טוט מען די אלע פעולות מיט די קערפער, מ'פאטשט און מ'טאנצט, און דורכדעם

וואס מ'נעמט זיך ארום מיט '**זמירות**', און דורך די **ריקודים**, דאס האלט זיי אביסל אן אז זיי זאלן נישט אויסגיין פון דביקות.

## מ'טאנצט און מ'פאטשט

טייטשט דער **עטרת ישועה** דער לשון הגמרא, אז **והקיפוה** איז א לשון פון הקפו"ת, **בחבלי זמורו"ת** גייט ארויף אויף 'זמירות', אז מיט דעם וואס מ'זינגט 'זמירות', 'ומכים כף על כף', און די 'ריקודים', דאס העלפט **שלא ישרף מהרה**, אז מ'זאל נישט שנעל ווערן פארברענט. ווען נישט מ'וואלט געטון די פעולות פון טאנצן, און מ'וואלט געהאלטן דעם ספר תורה, פון גרויס דביקות וואלט מען ממש פארברענט געווארן - נשרף וספר תורה עמו.

לייגט ער צו א רמז אויף דעם וואס מ'ארבעט סיי מיט די הענט און סיי מיט די פיס, מ'פאטשט און מ'טאנצט. אז "יד רגל" איז אויך די גימטריא פון דעםווארט "זמר", און ס'איז אויך מרומז אין דער לשון הגמרא 'בחבלי זמורו"ת'. זעט מען מרומז סיי אויף אויף דעם ענין פון 'זמירות' - אז מ'זינגט, און סיי איז עס אויך מרמז 'יד רגל' - מ'פאטשט מיט די הענט און מ'טאנצט מיט די פיס, און דאס ברענגט אז די צדיקים זאלן זיך קענען האלטן און נישט אינגאנצן אויסגיין פון דביקות.

## התחלה פון יעדע הקפה

מ'ווערט מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף פרובירן אויסצושמועסן איינע פון די קילוסין; שירות ותשבחות וואס מ'זאגט, וואס דאס איז ממש די התחלה פון יעדער הקפה. מ'זאגט די תפילה פון 'אנא ה' הושיעה נא אנא ה' הצליחה נא', וואס ס'איז איינגעטיילט אז ביי יעדער הקפה זאגט מען איין שטיקל פון אפאר פסוקים - חוץ ביי דער ערשטער און דער לעצטער הקפה זאגט מען צוויי שטיקלעך כדי צוצוענדיגן אלע 'אלף בית'. [**נאכדעם זאגט מען אויך אנדערע פסוקים וואס זענען אויסגעשטעלט לויט די זיבן הקפות; השמים מספרים און למנצח בנגינות, און די אלע**

פסוקים זענען אויסגעשטעלט לויט די זיבן מידות.] אבער בעיקר וויל מען רעדן פון דעם פיוט 'אנא ה' הושיעה נא, אלקי הרוחות הצליחה נא'.

קודם וועט מען פרובירן צו זען וואס דער פיוט איז. מ'זעט - למשל - ווען ס'קומען די הקפות פון בייטאג, בשעת'ן ארומגיין זאגט מען נאר דעם פיוט און נישט די אנדערע פסוקים, זעט מען אז עס איז דא א באזונדערע ענין דערביי.

## בימי הראשונים - איין לאנגע תפלה - שפעטער געווארן צעטיילט

דער פיוט איז גאר א פריערדיגער פיוט, די מקור איז שוין אין די **ראשונים**. אין **מחזור ויטרי** ווערט אראפגעברענגט דעם גאנצן פיוט[א]. אבער דארט ווערט בכלל נישט דערמאנט אז ס'האט עפעס צוטון מיט זיבן חלקים - אז מ'זאל עס איינטיילן אויף די זיבן הקפות. און באמת איז מעגליך אז בימיו פון דעם מחזור ויטרי איז נישט געווען אזא זאך ווי די הקפות, ווייל דער גאנצער ענין פון די הקפות איז דאך על פי סוד וואס דער **אר"י הקדוש** זי"ע האט מגלה געווען, אויב אזוי קען זיין אז בימי הראשונים איז נאכנישט געווען אזא ענין פון דוקא מאכן הקפות, נאר דעמאלטס איז עס פשוט געווען איינע פון די קילוסין פון די תורה וואס מ'פלעגט אמאל זאגן.

נאר שפעטער, וואס צדיקים האבן איינגעפירט צו מאכן הקפות, האט מען דעמאלטס גענומען דעם פיוט 'אלקי הרוחות' פון די ראשונים און עס איינגעטיילט אויף זיבן חלקים, אזוי אז ביי יעדער הקפה זאגט מען איין שטיקל.

## פארשידענע נוסחאות אין די סדר ההקפות

אין די נוסחאות פון די זמירות פאר די הקפות זענען דא זייער אסאך צדיקים וואס האבן אויסגעשטעלט אן אייגנארטיגן סדר וועלכע פיוטים מ'זאל

---

א דער אמת איז אז ס'זענען דא זייער אסאך שינויים אין די לשונות אין מחזור ויטרי. למשל, ביי אונז זאגט מען ביי די אות וא"ו: 'ותיק וחסיד' (די מפרשים ברענגען אז מ'טרעפט נישט אין קיין פסוק דער טיטל 'ותיק' אויפ'ן אויבערשטן, מ'טרעפט עס נאר אין די זמירות ביי די פיוט 'אדיר הוא יבנה ביתו' - 'ותיקיו יאמרו לו', וואס געווענליך זענען די שבחים פון די פיוטים געבויט אויף לשונות פון פסוקים). און דער מחזור ויטרי ברענגט אויף אות וא"ו: 'וזוכר נשכחות' עננו ביום קראנו. אזוי אויך ביי קו"ף איז 'קורא הדורות', און אונז האבן 'קדוש ונורא'.

זאגן ביי וועלכע הקפה. ביי אונז איז דער מנהג לויט'ן סדר פונעם 'ליקוטי צבי'. דארט איז אריינגעדרוקט דעם סדר פונעם **חיד"א** זי"ע. און דארט איז אויך אריינגעדרוקט דעם נוסח פונעם **קאזניצער מגיד** זי"ע. אין אנדערע חסיד'ישע מקומות זענען דא אסאך נוסחאות און פיוטים וואס מ'זאגט בשעת די הקפות כל מקום לפי מנהגו.

דער נוסח ההקפות וואס דער הייליגער **בני יששכר** זי"ע האט אויסגעשטעלט איז זייער אינטערעסאנט, אז ס'גייט טאקע אז מ'זאגט נישט ביי יעדער הקפה בלויז א 'שטיקל' פון אלקי הרוחות, נאר ביי יעדער הקפה זאגט מען די גאנצע זאך פון 'אלף ביז תיו', ביי יעדער הקפה זינגט מען נאכאמאל פון אנא ה' הושיעה נא, ביז תומך תמימים עננו ביום קראנו. און ס'קען זיין טאקע דערפאר, ווייל ביי די ראשונים'ס צייטן וואס דאס איז דאך די מקור פון דעם פיוט, איז עס נישט געווען דוקא איינגעטיילט לויט די סדר פון די הקפות.

אבער באמת וועט מען זען וואס ס'שטייט אין די ספרים וועגן יעדער הקפה, און מיט דעם וועט מען קענען זען ווי יעדן שטיקל פונעם פיוט שטימט מיט דער כוונה פון דער הקפה וואו מ'האלט.

קודם איז כדאי אויסצושמועסן, ווען מ'באטראכט די תפלות ביי די הושענות, זעט מען אז מ'קען נעמען די תפלה וואס מ'זאגט ביי די הושענות פון איין טאג, און די תפלה פון אן אנדערן טאג, וועט מען זען אז איין טאג קען זיין די גאנצע הושענות מיט איין ציל פון דער זעלבער בקשה, נאר מ'בעט עס מיט אלע סארטן לשונות. למשל, די צווייטע הושענות פון 'אבן שתיה', קען מען זאגן אז פון אנפאנג ביז צום סוף בעט מען איין בקשה, מ'בעט דעם אויבערשטן אז ער זאל אויפבויען דער בית המקדש. נאר די גאנצע איז צוויי און צוואנציג לשונות וויאזוי צו רופן דעם בית המקדש, אבן שתיה, בית הבחירה, גורן ארנן, וכו'. און דעמאלטס קען מען זאגן, אז ס'איז איין תפילה, איבערגע'חזר'ט אויף צוויי און צוואנציג לשונות.

פון דעם צוויטן זייט איז דא די הושענות פון 'אערוך שועי', וואס דארט בעט מען פארשידענע תפילות, 'כלה מרשיעי', לבל עוד תרשיעי', מהר אלקי

ישעי', וואס יעדע אות איז גאר אן אנדערע בקשה. די זעלבע זאך ווען ס'קומט הושענא רבה, מ'בעט דארט 'נפש מבהלה, צאן מצמיתות', וואס זענען פיל מיט עקסטערע בקשות.

## דריי בקשות וואס מ'האלט אין איין חזר'ן

לגבי די פיוט פון אלקי הרוחות זעט אויס בפשטות אז פון אנפאנג ביז צום סוף איז עס דריי בקשות איבערגע'חזר'ט נאכאמאל און נאכאמאל, **הושיעה נא** און **הצליחה נא** און **עננו ביום קראנו.** נאר יעדעס מאל וואס מ'בעט דעם אויבערשטן די בקשה געבט מען פאר'ן אויבערשטן אן אנדערע טיטל, אמאל רופט מען אים אן 'פודה ומציל', און אמאל 'יודע מחשבות', אבער בס"ה זענען אלעס נאך לשונות וויאזוי מ'דריקט זיך אויס צו לויבן דעם אויבערשטן, כדי צוצוקומען צו בעטן אונזערע זעלבע דריי בקשות.

דארף מען קודם כל, אביסל אפטייטשן בכללות די דריי בקשות פון 'הושיעה נא' און 'הצליחה נא' און 'עננו ביום קראנו'.

די ערשטע צוויי לשונות 'הושיעה נא' און 'הצליחה נא' זענען דאך א פסוק אין תהלים וואס מ'זאגט עס ביי הלל גאנץ יום טוב, און בפרט יו"ט סוכות מאכט מען מער אן עסק בשעת מ'שאקלט די לולב צוויי מאל ביי 'אנא ה' הושיעה נא'. און מ'זעט דאך אין די משנה (סוכה) אז בית שמאי האט געהאלטן אז מ'דארף שאקלן ביי 'אנא ה' הצליחה נא' אויך, נאר אונז פסק'ענען ווי בית הלל.

## בקשה פון "הושיעה נא"

אט די צוויי בקשות זענען בקשות וואס מ'נוצט כסדר, ווייל 'הושיעה נא' איז דאך זייער א כללות'דיגע בקשה, ס'איז דאך כולל א "ישועה" - אין אלע ענינים, און עס קען דאך מיינען רוחניות און גשמיות. בעיקר ווען מ'זאגט 'הושיעה נא' שטייט א לשון אין **תנא דבי אליהו**: 'אין ישע אלא לימות המשיח',

אז דאס ריכטיגע אפטייטש פון 'ישועה' מיינט דוקא דער גאולה פון ימות המשיח.

## צדיקים בעטן נאר אויפ'ן תכלית

אבער 'הצליחה' שטייט יא אז ס'גייט ארויף אויף פרטות'דיגע בקשות, ווי ס'שטייט א טייטש אין ספר **שער יששכר** אויפ'ן משנה וואס זאגט אז 'כל העם' האט געשאקלט ביי 'אנא ה' הצליחה נא', אבער ר' גמליאל און ר' יהושע האבן נאר געשאקלט ביי 'אנא ה' הושיעה נא'. איז ער מסביר פשט, אז דאס גאנצע פאלק האט זיך נישט באגנוגנט מתפלל צו זיין ביי 'הושיעה נא' אויף דער גאולה שלימה, נאר זיי האבן זיך געזארגט אויף פרטית'דיגע בקשות און האבן אריינגעארבעט שטארק אין דער 'הצליחה נא' אויך. אבער די צדיקים וואס האבן פארשטאנען אז די תכלית פון אלעם איז 'ימלא ה' כל משאלותיך', אז ווען ס'וועט זיין די ריכטיגע ישועה וועט שוין ממילא אלעס ווערן אויפגעהויבן און אויפגעראכטן, זיי האבן אריינגעארבעט בעיקר אין די 'הושיעה נא', וואס דאס נעמט אריין אין זיך אויך אלע פרטית'דיגע בקשות.

## וואס איז נכלל אין "הצלחה"

ס'איז באקאנט אז ס'זענען געווען צדיקים וואס האבן געהאלטן אז אין א קוויטל דארף מען נישט אריינשרייבן קיין פרטית'דיגע בקשות, ווייל ווען מ'שרייבט אריין דיווארט 'הצלחה' איז אין דעם שוין נכלל אלע סארטן בקשות.

אזוי אויך שטייט פון הרה"ק דער **צאנזער רב** זי"ע אז **אינעם ווארט 'הצלחה' איז נכלל עבודת השם יתברך; לערנען תורה לשמה בהתמדה; בני חיי ומזוני רויחי; כל מיני טובות; כל מיני הצטרכיות ברוחניות ובגשמיות**. דאס אלעס ליגט אינעם ווארט הצלחה, דאס מיינט דאס זעלבע זאך, אז אין די ווארט 'הצלחה' ליגן אלע פרטית'דיגע בקשות. ממילא אז מ'וויל אויסנוצן די זעלטענע עת רצון

פון די הקפות און זיך אויסבעטן אלעס גוטס, דארף מען זען דאס אינזין צו האבן ביי די הקפות ווען מ'בעט 'הושיעה נא; הצליחה נא; עננו ביום קראנו'.

## עננו ביום קראנו - דורכ'ן יאר און ביי די הקפות

נאך די צוויי בקשות קומט צו נאך א לשון וואס דאס איז שוין נישט קיין לשון הפסוק, דאס איז לכאורה די לשון פון דעם פייטן אליינס: 'אנא ה' עננו ביום קראנו'. און דאס חזר'ט מען איבער ביי יעדער שטיקל נאכאמאל. און דער אמת איז אז צו דער לשון פון 'עננו ביום קראנו' איז מען שוין אויך צוגעוואוינט אביסל, ווייל מ'זאגט עס דאך דורך די יאר מאנטאג און דאנערשטאג ביי דער תפלה פון 'והוא רחום', זאגט מען דארט אויך די דריי לשונות אויף איינמאל: 'הושיעה נא' און 'הצליחה נא' און 'עננו ביום קראנו', און דא ביי די הקפות ווערט עס איבערגעחזר'ט כסדה, און יעדעס מאל איז מען משבח צו זיין דעם אויבערשטן מיט אנדערע הייליגע שבחים.

## טייטש פון "קראנו" - 'רופן' אדער 'ליינען'

אז מ'רעדט פון דעם לשון 'עננו ביום קראנו' דא ביי די הקפות, איז אינטערעסאנט צוצושטעלן וואס ס'שטייט אין **אמרי פינחס** פון הרה"ק ר' **פינחס קאריצער** זי"ע. געווענליך ווערט 'קראנו' געניצט אלס א לשון פון מתפלל זיין, אין תהלים (קאפיטל כ') וואו עס שטייט 'ה' הושיעה, המלך יעננו ביום קראנו' מיינט עס דאך אז מ'רופט דעם אויבערשטן און מ'איז מתפלל צו אים.

אבער הרה"ק ר' פינחס קאריצער טייטשט עס אויס, אז דא קען טייטשן 'קראנו' א לשון פון 'קריאה' וואס דאס מיינט דעם טאג פון שמחת תורה, דער טאג וואס איז א "יום קראנו" - מיוחד אויף די עבודה פון 'קריאת התורה'. ווי דער שלחן ערוך געבט די באקאנטע סימן אז לויט ווען פסח קומט אויס אויפ'ן וואך, קען מען לויט דעם וויסן ווען די אנדערע ימים טובים זענען: לויט די אותיות פון א"ת ב"ש ג"ר ד"ק, **ד"ק** מיינט אז **ד'**, ווען דער פערדער טאג פון פסח וועט זיין אין וואך, דעמאלטס וועט אויסקומען - **ק'** קריאת התורה, און

דאס מיינט צו זאגן 'שמחת תורה'. זעט מען פון דעם אז שמחת תורה קען ווערן אנגערופן אויפן לשון פון 'קריאה'.

ממילא קען מען טייטשן אז דאס בעט מען דעם אויבערשטן: **עננו**, דער אויבערשטער זאל אונז ענטפערן, **ביום קראנו**, אין די טאג וואס מ'ליינט אזוי סאך אין די תורה, אין דעם טאג וואס איז דער גמר הכל וואס דאס איז שמחת תורה. זאגט ר' פינחס קאריצער אז מ'בעט דאס יעצט ווייל **שמחת תורה איז די תכלית פון די גאנצע הייליגע טעג, און ס'איז יעצט א געוואלדיגע זמן אז דער אויבערשטער זאל אונז ענטפערן.**

**[בדרך אפשר קען מען צושטעלן צו דעם ווארט פון ר' פינחס קאריצער, אז דאס איז וואס מ'זאגט עס אויך מאנטאג און דאנערשטאג, ווייל מאנטאג און דאנערשטאג לייגט מען דאך אין די תורה, אויב אזוי קען מען זאגן די בקשה אויך דעמאלטס.]**

## די דריי בקשות אויף רוחניות

הגה"ק ר' **יעקב עמדין** זי"ע בסידורו האט א קורצע פירוש בכלל אויף די סדר הקפות, און דאס איינציגסטע שטיקל וואס ער איז מפרש פון די גאנצע הקפות איז אט די בקשה. און ער טייטשט עס אויס אינגאנצן אויף רוחניות: **'אנא ה' הושיעה נא'**, מ'בעט דעם אויבערשטן אז ער זאל העלפן מ'זאל קענען יעצט תשובה טון. זעט מען אז ס'איז א זמן פון תשובה בשעת די הקפות. **'אנא ה' הצליחה נא'**, דער אויבערשטער זאל העלפן אז די תשובה זאל זיין מיט אן אמת מבלי ירושל (לכאורה מיינט עס א לשון פון התרשלות) און אן קיין נאכגעלאזטקייט. און נאכדעם פירט מען אויס, **'אנא ה' עננו ביום קראנו'.**

מ'זעט פון נאך צדיקים וואס האבן אויסגעטייטשט די 'עוזר דלים' און נאך פארשידענע לשונות אויף עבודה'דיגע בחינות, און דער פשט איז אז מ'דערמאנט די אלע שבחים אויף דעם אויבערשטן כדי צוצוקומען צו 'הושיעה נא; הצליחה

נאָ', אַז מ'זאָל קענען זוכה זיין צו תשובה, און די גרויסע קדושה פונעם זמן זאָל אונז טאַקע ריכטיג אויסרייניגן.

## א זמן וואס מ'קען זיך אלעס אויסבעטן

אן אנדערער געשמאקער טייטש אויף דעם 'הושיעה נא הצליחה נא', און בעיקר אויף דעם אויספיר 'עננו ביום קראנו' - וואס מ'לייגט צו מער ווי דאס וואס מ'זאגט ביי הלל, שטייט פון הגה"ק בעל **ויגד יעקב מפאפא** זי"ע, אז דער **זוהר הקדוש** שרייבט אז יעצט אין שמיני עצרת - שמחת תורה איז א מורא'דיגע זמן זיך אויסצובעטן צום אויבערשטן - שאל מה דבעי, בשעת מ'איז אליינס ביים קעניג.

אינ'אמת'ן אריין איז דאך דאס זייער שווער פאר א איד, וואס זאלן אונז זיך אויסבעטן? וועלכע זאך און וואו זאלן מיר אנהייבן? איז באקאנט דער משל וואס ס'שטייט אין ספה"ק **תולדות יעקב יוסף** עה"פ 'תפלה לעני כי יעטוף', אז מ'האט אמאל געגעבן א געלעגנהייט אז יעדער איינער קען בעטן פון דעם קעניג וואס מ'וויל, און דער ארעמאן האט געבעטן א בקשה אז "ער זאל אלעמאל קענען זיין נאנט צום מלך", ווייל אזוי וועט ער אלעמאל קענען קומען און בעטן זיינע בקשות, און אזוי איז ער פארזיכערט פאר א גאנץ יאר.

## מ'בעט יעצט - אז מ'זאל אלעמאל קענען בעטן

ברענגט דער ויגד יעקב ארויס, מ'שטייט אין שמיני עצרת און מ'וויל גיין מתפלל זיין, קען מען ווערן פארצווייפלט: 'וואס זאל איך יעצט מתפלל זיין, ס'איז אזא מורא'דיגער זמן מסוגל וואס מ'קען זיך יעצט אויסבעטן וואס מ'וויל נאר, אבער וויאזוי ווייס איך וואס צו בעטן, ס'קומט דאך א גאנצע לאנגע יאר וואס איך האב נישט קיין אנונג וואס עס וועט פאסירן. לערנט אונז דער משל, אז דאס בעסטע זאך איז אז מ'זאל בעטן דעם אויבערשטן בשעת מ'איז אליינס

מיט'ן קעניג 'שאל מה דבעי', איך באשטעל יעצט אז דאס גאנצע יאר **"ווען איך וועל וועלן מתפלל זיין זאל איך קענען מתפלל זיין"**.

דאס מיינט וואס מ'בעט '**הושיעה נא הצליחה נא**', אויף אן אופן כללי בעט מען דעם אויבערשטן אז ער זאל העלפן און ס'זאל זיין אלעס ווי ס'דארף צו זיין. אבער אפשר זענען דא אסאך פרטים וואס איך דארף בעטן און איך ווייס עס דאך נישט וועלכע זאך ס'וועט אונטערקומען קומענדיגע יאר וואס איך וועל דארפן אן עקסטערע סייעתא דשמיא דערויף. דאס זאגט מען בהמשך, נוץ איך אויס דעם יעצטיגן זמן און בעהט אין דער תקופה '**עננו ביום קראנו**', אין וועלכע טאג א גאנצע יאר וואס ס'וועט זיך מאכן אז כ'וועל עפעס וועלן בעטן, בעט איך דעם אויבערשטן אז איך זאל עס קענען בעטן און אז איך זאל זיין נאנט צום אויבערשטן - באור פני מלך חיים. דאס איז די מורא'דיגע בקשה וואס מ'פרובירט צו פועל'ן אין אזא הויכע זמן.

## טעג פון שמיני עצרת - צעטיילט און צוזאמען

מ'טרעפט נאך אן אפטייטש אויף דעם 'הושיעה נא' און די 'הצליחה נא'. הרה"ק ר' **הערשלע ליסקער** זי"ע אין ספר **הישר והטוב** ברענגט אן אינטערעסאנטער אפטייטש און בליק אויף דעם יו"ט שמיני עצרת. ווייל באמת איז עס דאך פון איין זייט א 'רגל בפני עצמו', אבער פון צווייטן זייט זעט מען דאך יא אז ס'איז א המשך פון סוכות ווי ס'ווערט אנגערופן "שמיני" דארף מען עס דאך פארשטיין[ב]. זאגט הרה"ק ר' הערשלע ליסקער אין הישר והטוב, אז דער כלל איז, אז יעדע צוויי זאכן אין דער וועלט וואס מ'וויל זיי מחבר זיין דארף עס געשען דורך א דבר ממוצע, עס דארף זיין א זאך וואס זאל

ב אין די שמועס נומער 13 האט מען מער מקיף געווען דעם גאנצן שמועס אויסצוטייטשן מיט וואס שמיני עצרת איז אן אייגענע יו"ט און מיט וועלכע חלק עס איז א המשך פון סוכות, אבער דאס איז זיכער אז שמיני עצרת ווערט באטראכט אויף ביידע וועגן, סיי אלס א יו"ט פאר זיך און אויך ווי א יו"ט פון א קשר צו פריער.

קענען צוזאמברענגען די צוויי זאכן. למשל, ס'איז דא די סעודה 'מלוה מלכה', וואס דאס איז מחבר די וואכן מיט שבת.

לנידון דידן, מ'קומט יעצט פון די ימים הקדושים און מ'וועט יעצט אריינגיין צוריק אין די וואכנדיגע טעג. אלע הויכע צייטן הייסן אן עולם פון יחיד, דער ענין פון 'קדושה' הייסט אייביג א "רשות היחיד". און סתם וואכנטעג הייסן "עלמא דפירודא" - אפגעטיילט יעדן טאג פאר זיך. איז וויאזוי קען מען נעמען די קדושה - דער זמן פון יחיד, די הייליגע טעג פון סוכות, און עס מחבר זיין מיט די טעג וואס גייען קומען, די גאנצע וואכנדיגע טעג - די עלמא דפרודא.

דערפאר דארף מען האבן אזא טאג וואס איז א 'יחיד' מיט א 'פירוד' צוזאמען, דער 'שמיני עצרת' וואס איז אזא סארט בחינה אז פון איין זייט איז ער א בחינה פון אפגעטיילט רגל בפני עצמו; א פירוד, א טאג פאר זיך, אבער פון דער אנדערער זייט איז עס תשלומין דראשון, ס'איז יא א המשך פון סוכות, דאס איז די סיבה ווייל עס איז אזא ממוצע פון צוזאמען און אפגעטיילט.

די גאנצע שמיני עצרת איז דאך במציאות אזוי אויסגעשטעלט אז א חלק דערפון עסט מען נאך אין די סוכה און א חלק עסט מען נישט אין די סוכה, ווייל דאס איז אזא ממוצע וואס מיט דעם קען מען מקשר זיין אפילו זאכן וואס זענען מפורד צוזאמען מיט די קדושה'דיגע טעג - די ימי הסוכות וואס זענען 'יחיד' - צוזאמען.

טייטשט ער מיט דעם איין די רמז הלשון פון 'קשה עלי **פרידתכם**', אז דער אויבערשטער זאגט אז ס'איז מיר שווער אז ס'זאל זיין עלמא **דפירודא**, ממילא וויל איך אז ס'זאל זיין א שמיני עצרת, אזוי אז ווען ס'וועלן קומען די וואכנדיגע טעג בבחינת פירוד, זאל מען עס אויך קענען מקשר זיין מיט די בחינת יחיד.

בעצם איז דאס א יסוד וואס אלע ספרים שרייבן, אז גאנץ סוכות האט מען טאקע אריינגעארבעט אין די פעולות המצוות פון לולב און די אנדערע פון די

ד' מינים. יעצט איז א זמן וואס נאך אלע הכנות קומט מען שוין אן צו דעם אויבערשטן אליין.

## מ'נעצט יעצט צוזאמען אלעס וואס מ'האט געבעטן סוכות

קען מען לויט דעם אפשר טייטשן אז די פשט פון דער תפילה גייט אזוי, מ'נעמט די זעלבע בקשות פון **אנא ה' הושיעה נא** און די **אנא ה' הצליחה נא** וואס מ'האט מיט זיי ארומגעארבעט גאנץ סוכות, און נאך אלע הקדמות וואס מ'ברענגט ארויס וואס מ'האט געטון ביז יעצט, געבט מען עס א פיר אויס, אז אונז האלטן שוין ביי דער תכלית, און מ'בעט **עננו ביום קראנו**. מיר קומען אן צום קעניג און אונז ברענגען ארויס וואס מיר האבן געטון מיט די אלע הכנות, און דערנאך קומען אונז צו דעם אויספיר אז די תכלית פון אלע עבודות איז צו זיין אינגאנצן נאנט צום אויבערשטן - עננו ביום קראנו.

ס'איז דא א מורא'דיגע און הפלא'דיגע חיזוק'דיגע פשט אויף דעם 'אנה ה' הושיעה נא'. ס'איז א פלא צו פארשטיין בפשטות וואס דארט שטייט.

## די קאפיטל פאר שמיני עצרת - און אויב מ'קען נישט...

אין **מסכת סופרים** (פרק י"ט הלכה ב') איז דא אויסגערעכנט וועלכע שיר מ'זאגט אין יעדן יו"ט[ג]. און ביי שמיני עצרת זאגט ער זייער אן אינטערעסאנטע לשון, ער זאגט אזוי: **ביום השמיני**, אום שמיני עצרת זאל מען זאגן די קאפיטל (תהלים יב) **'למנצח על השמינית'**[ד], און ס'זעט אויס אז עס איז אלס דער רמז פון 'שמינית' - דער אכטער

---

ג אונז האבן נישט די מנהג פון זאגן אן אנדערער שיר של יום יעדן יום טוב באזונדער, אבער מ'קען זען אין פארשידענע תהלים'ס אריינגעדריקט א גאנצע רשימה א געוויסע קאפיטל פאר יעדן יו"ט, וואס איז צוגעפאסט צו דעם טאג.

ד מ'פירט זיך אז מען זינגט מען עס ביי א וואך-נאכט און ביי א ברית, א רמז אויף די מצות מילה.

טאג 'שמיני עצרת', **ואם אינו בקי בהן**, אויב איינער קען נישט קאפיטל י"ב, **אומר**, זאל ער זאגן **'אודה ה' בכל לבי'**, זאל ער זאגן קאפיטל ט', **ודיו**, און ס'איז גענוג.

אפילו כפשוטו איז דאס שווער צו פארשטיין, אויב מ'רעדט פון איינעם וואס קען נישט קיין קאפיטל תהלים, וועט ער אויך נישט קענען קאפיטל ט', פארוואס ווען איינער קען נישט די קאפיטל פון "על השמינית", קען ער יא קאפיטל ט' - אודה ה' בכל לבי, ס'איז ממש נישט צום פארשטיין.

נאך דארף מען פארשטיין, מאי שנא הכא, פארוואס געבט נישט דער מסכת סופרים קיין אויסוואל ביי יעדן יו"ט, אויב מ'קען נישט דאס זאל מען זאגן עפעס אנדערש, פארוואס פונקט ביי שמיני עצרת שטייט אז לכתחילה זאל מען זאגן 'למנצח על השמינית' און אז מ'קען נישט זאל מען זאגן 'אודה ה' בכל לבי' - ודיו. און בכלל וואס מיינט אז ער איז נישט 'בקי', און 'ודיו'.

### די סיום אויף די עבודה פון ממשיך זיין "חסדים"

שטייט א מורא'דיג שטארקער טייטש אין ספר **מלבוש לשבת ויו"ט** פון דעם **זידיטשובער רבי'ן** זי"ע, אז פשט איז אזוי, ס'קומט שמיני עצרת, וואס דעמאלטס איז דער תכלית פון דער גאנצער עבודה ווי ס'שטייט אין די **ספרי קבלה**, אז אלעס וואס מ'טוט גאנץ סוכות מיט די נענועים פון די לולב, איז אלץ ממשיך צו זיין די חסדים כדי צו קענען מאכן דעם יחוד פון שמיני עצרת, די נענועים אין הושענא רבה איז אויך ממשיך צו זיין די ז' חסדים צו קענען טון דעם יחוד פון שמיני עצרת.

דעריבער ווען ס'קומט שמיני עצרת, זינגט מען א זמר ארויסצוברענגען אז מ'האט שוין געענדיגט אלעס וואס מ'דארף טון ביז אהער ממשיך צו זיין די חסדים און יעצט קען מען שוין מאכן דער יחודא שלים, דאס איז דער קאפיטל י"ב: 'למנצח על השמינית', מ'זינגט אויפ'ן אכטן טאג, אז מ'האט

שוין געענדיגט דער גאנצער עבודה ביז אהער - **'כי גמ"ר חסי"ד'** מ'האט שוין געענדיגט ממשיך צו זיין די חסדים דורך די נענועים.

## אז "מ'פארשטייט" נישט - טוט מען עס מיט די "הארץ"

זאגט אבער דער מסכת סופרים, נישט יעדער איינער פארשטייט אז 'גמר חסיד' מיינט ממשיך געווען חסדים, נישט יעדער איד איז א בעל השגה. דאס זאגט ער: **'ואם אינו בקי בהן'**, אויב ער 'פארשטייט' נישט וואס מ'רעדט דא, ער פארשטייט נישט וואס דאס מיינט אז שמיני עצרת איז דער תכלית אויף וואס האט מען געטון ביז יעצט. אויף דעם קומט דער מסכת סופרים מחזק זיין אז אפילו אזוי האב איך פאר דיר אן אנדערער קאפיטל צו זאגן, נעם דער קאפיטל ט' און זאג די ווערטער **'אודה ה' בכל לבי'** - מיט די הארץ, מ'זאל וויסן אין הארץ אז מ'וויל טון דעם רצון השם, מ'וויל אויפטון וואס מ'דארף אויפצוטון, דאס איז 'ודיו', ס'איז גענוג אויף ממשיך צו זיין די אלע גוטע זאכן.

דער אויבערשטער וויל פון א איד - א בעל השגה צו טון וואס ער פארשטייט, אבער יעדער איד דארף מקיים זיין דעם 'אודה ה' בכל לבי', מ'זאל אהערברענגען די הארץ און מחשבה און מ'זאל ווערלן זיך מקשר זיין מיט די קדושת הזמן, 'ודיו', און דאס אליינס איז שוין גענוג - אחר כוונת הלב הן הן הדברים.

לויט דעם קען מען מסביר זיין דעם אויספיר, אז ווען ס'קומט שמיני עצרת און מ'האט געענדיגט דער גאנצער עבודה, דעמאלטס זאגט מען 'אנא ה' הושיעה נא, אנא ה' הצליחה נא', און די תכלית פון דעם איז אז 'אנא ה' עננו ביום קראנו'. דאס איז נאך א בחינה וואס ס'קען זיין וואס ס'ליגט אין דעם בקשה פון 'הושיעה נא' און 'הצליחה נא'.

אין ספה"ק **בני יששכר** (מאמר חמשה עשר באב) טייטשט ער אויס דעם גאנצן המשך פון 'דובר צדקות; הדור בלבושו; ותיק וחסיד', וואס מ'זאגט **[לפי נוסחתינו]** ביי דער

צווייטער הקפה[ה], אז ס'גייט ארויף אויף דעם ענין אז דער אויבערשטער קען נישט מוותר זיין שלא כדין, און ווען דער אויבערשטער וויל רחמנות האבן אויף די אידן און מוחל זיין אויף די עבירות, מוז עס דער אויבערשטער אויסארבעטן מיט א חשבון אז ס'זאל הייסן על פי דין.

## אנטון פאר'ן עני די קליידער פונעם עושר

דער וועג וויאזוי דער אויבערשטער ארבעט עס אויס איז מיט דער הלכה, אז ווען צוויי מענטשן קומען צו א דין תורה, און דער עושר האט שענערע קליידער, מוז מען זאגן אז ער זאל זיך אנטון ווי דעם ארעמאן, אדער זאל דער עושר אנטון דעם ארעמאן אזויווי זיך.

דאס זעלבע איז ביים אויבערשטן ווען ער קומט מיט די אידן צו א דין תורה, דער אויבערשטער האט דאך געוואלדיג שיינע בגדים - כביכול - 'לבושו כתלג חיור', ממילא מוז דאך דער אויבערשטער אויך אנטון פאר די אידן שיינע בגדים, ממילא דורכדעם ווערן אראפגענומען די 'רויטע בגדים' - די עבירות, און פון דעם אליין ווערן שוין די אידן אויסגערייניגט. ממילא שטימט על פי הלכה אז דער אויבערשטער זאל מוחל זיין די עבירות.

## א "ותיק" צוזאמען מיט א "חסיד"

דאס זאגט מען ביי די הקפות, **דובר צדקות**, דער אויבערשטער וויל מצדיק זיין די אידן, אבער דער אויבערשטער קען עס נאר מצדיק זיין ווען ס'שטימט על פי הלכה, און דער אויבערשטער איז דאך **הדור בלבושו**, ער האט שיינע לבושים, און שיינע לבושים מיינט דאך אז דער אויבערשטער איז אינגאנצען לבושו כתלג חיור.

אבער דורכדעם וואס דער אויבערשטער דארף אונז אויך אנטון ווייסע בגדים ווערן אונז אפגערייניגט פון אלע עבירות, און דורכדעם איז **ותיק וחסיד**

ה וויִ מ'האט פריער דערמאנט, אז דער הייליגער בני יששכר אליינס פלעגט זאגן די גאנצע סדר ביי אלע הקפות.

**עננו ביום קראנו**. איז דער בני ישככר מסביר, 'ותיק' זאגט **רש"י** אז ס'גייט ארויף אויף איינעם וואס איז מדקדק במצוות - א הלכה'דיגער מענטש. 'חסיד' איז לפנים משורת הדין. דאס זאגט מען ביים אויספיר, אז דורכ'ן אנטון פאר אונז די שיינע קליידער, דאס איז דער וועג וויאזוי דער אויבערשטער קען זיין א 'ותיק וחסיד' - ער קען מדקדק זיין אז ס'זאל זיין על פי הלכה און אויך זיין לפנים משורת הדין.

## שמיני עצרת - "חתימה" מיט'ן בחינה פון דוד המלך

אין ספה"ק אגרא דכלה (פרשת לך לך) זאגט ער דארט שטארקע ווערטער לגבי די בקשות פון "הושיעה נא - הצליחה נא". אברהם אבינו האט געזאגט פאר לוט, **אל נא תהי מריבה ביני ובינך**. און ער שטעלט זיך אויף די לשון 'אל "**נא**" תהי מריבה'. זאגט ער בדרך רמז, אז ס'איז דאך באקאנט אז די נשמה פון דוד איז געליגן אין לוט (ער איז דאך ארויסגעקומען פון די גאנצע מעשה וואס איז געווען מיט מואב און רות). און ס'זענען דא ד' רגלי המרכבה, די ערשטע דריי זענען 'אברהם' 'יצחק' און 'יעקב', וואס דאס זענען אנטקעגן די דריי ימים טובים, און דער רגל רביעי של המרכבה איז 'דוד המלך', און דאס איז אנטקעגן שמיני עצרת. דערפאר איז דעמאלטס די גמר חתימה וויבאלד ס'איז אן ענין פון דוד המלך, אן ענין פון מלכות, און 'דבר המלך שלטון' און 'נחתם בשם המלך אין להשיב', **דאס וואס מ'פועל'ט זיך אויס שמיני עצרת ווערט שוין נישט געטוישט**.

וויבאלד דאס גרויסקייט פון שמיני עצרת איז צוליב דעם וואס ס'איז דער יו"ט פון דוד המלך, קען מען פארשטיין דאס וואס אברהם אבינו האט געבעטן פון לוט. זיין בקשה איז געווען אז ער זאל אכטונג געבן אז ס'זאל נישט זיין קיין מריבה און ס'זאל ח"ו גורם זיין און שטערן די ניצוץ פון דוד המלך ארויסצוקומען פון אים.

## שמיני עצרת דער טאג פון "נא"

דער גאנצער יסוד ליגט אין דעם ווארט "נא". וויבאלד שמיני עצרת איז דער יום נ"א פון ראש חודש אלול, צו ווייזן אז די שפיץ פון די הייליגע טעג פון

גאנץ חודש אלול איז דער איין און פופציגסטער טאג - "שמיני עצרת", וואס דאס איז דאך דער טאג פון די גמר החתימה פונעם מלך 'דוד'.

פירט דער אגרא דכלה אויס, לויט דעם אז 'נא' גייט ארויף אויף שמיני עצרת, ס'גייט ארויף אויף דוד המלך, **וזהו מה שאומרים הושיעה "נא" הצליחה "נא"**, אלץ בעט מען אויף דעם נ"א וואס גייט ארויף אויף מלכות בית דוד, **שהוא עיקר הישועה והצלחות ישראל.**

## מ'בעט כסדר אויף די "עיקר הישועה והצלחה"

בפשטות דאס וואס ער זאגט 'וזהו מה **שאומרים**' וכו' מיינט ער ביי די הקפות, ווייל ער רעדט פון שמיני עצרת און ער זאגט אז 'מ'זאגט עס' כסדר. זעט אויס פון דעם אז דער אגרא דכלה מיינט איינצוטייטשן, אז די עבודה און בקשה ביי די הקפות דארף זיין אז ס'זאל נתגלה ווערן דער 'יום נ"א' - דער גרויסקייט פון מלכות שמים און די מלכות בית דוד, וואס דאס איז דער עיקר הישועה והצלחה.

אין ספה"ק **רגל ישרה** ברענגט אויך דער **בני יששכר** וועגן דער בקשה וואס מ'בעט אייביג 'הושיעה נא הצליחה נא'. אז 'נא' איז מרמז אויף די צוויי חדשים 'ניסן' און 'תשרי', ווייל לויט די אויסשטעל פון דעם אויבערשטנ'ס נאמען - 'אדנ"י', קומט אויס אז ניסן איז די אל"ף פון אדנ"י און תשרי איז די נו"ן פון אדנ"י[ו], און מ'בעט דעם אויבערשטן מיט דעם 'נא', אז וויבאלד אין די צוויי חדשים זענען דאך געווען די אלע ישועות פאר די אידן, **ליגן דאך אין די**

ו די פיר אותיות פונעם שם א-ד-נ-י, ווען מ'שרייבט עס במילואו אל"ף-דל"ת-נו"ן-יו"ד, קומט עס אויס צוועלף אותיות, און זיי זענען מכוון קעגן די צוועלף חדשים. לויט דעם איז ניסן - די אות א', און תשרי - די אות נ'.

צוויי חדשים שטארקע כוחות פון השפעות טובות. דערפאר בעט מען אלעמאל 'הושיעה **נא** הצליחה **נא**', דאס ארויסצוברענגען.

## דאס זאל מען מכוין זיין בשעת'ן זאגן

דער עיקר צו וואס מ'וויל דא צוקומען איז צו די ווערטער וואס שטייען שוין אין גאר פריערדיגע, ווי דארט שטייט טאקע ממש בפירוש דעם לשון אז "דאס זאל מען מכוין זיין בשעת מ'זאגט די ווערטער אנא ה' הושיעה נא".

דאס זענען די ווערטער פון דעם הייליגן **יסוד יוסף** זי"ע. ס'זענען דא מורא'דיגע פרקים פון אים אויף די גאנצע הייליגע טעג. און לגבי שמיני עצרת איז זיין גאנצע שמועס געבויעט ווען די כח פון די אידן וואס האלטן אינגאנצן איין די גדרים פון קדושה אין זיך, און ער רעדט זייער שטארק ווען **זיך דערווייטערן פון די גוים**, און גאנץ סוכות דארף מען זיך אכטונג געבן ווי ווייניגער צו רעדן מיט א גוי, **בפרט שמיני עצרת דארף מען זיך מורא'דיג דערווייטערן דערפון**.

## שמירה פון די שלעכטע כוחות - די פיר ווינקלען

פירט דער יסוד יוסף אויס צום סוף ווען דעם ענין פון די הקפות, און ער איז עס מסביר אז ס'זענען דא ארבע רוחות העולם, וואס פון יעדן זייט פון די רוחות העולם קענען קומען אנדערע רוחות רעות וואס קענען ח"ו מכשיל זיין אידן מיט די פיר הארבע עבירות: עבודה זרה; גילוי עריות; שפיכות דמים און לשון הרע. און דער אויבערשטער האט געשטעלט אויף דעם פיר מלאכים וואס מ'רעכנט זיי אויס ביי קריאת שמע: מיכאל; גבריאל; אוריאל און רפאל, אז זיי זאלן אפהיטן די ארבע רוחות העולם. און דער אויבערשטער האט געמאכט די

אלע שמירות בעיקר אפצוהיטן די ווינקלעך אז די רוחות זאלן זיך נישט דארט אריינכאפן דורך די שפאלטן.

איז ער מסביר דער יסוד, אז אלעמאל זעט מען ווי מ'איז פארנומען מיט די "קרנות המזבח", וואס דאס איז ארום די ווינקלען, דאס איז אלץ וועגן דעם אכטונג צו געבן אז די אלע שלעכטע מידות און שלעכטע עבירות זאלן זיך נישט קענען דארט אריינכאפן. און בשעת מ'גייט ארום די בימה וואס איז א זכר למזבח [אזויווי מ'האט ביי די מזבח געשפריצט אויף די קרנות], און דאס איז די סיבה פארוואס מ'גייט דארט ארום מיט די ספר תורה, וואס די גאנצע תורה איז דאך די תכלית פון דער גאנצער וועלט, ממילא **גייט מען ארום הקפות ארום די בימה און מ'האט אינזינען אפצוהיטן אלע ווינקלעך אז ס'זאל זיך נישט קענען אריינכאפן** לבלתי תת משחית, און **די אלע שלעכטע רוחות און די שלעכטע כוחות זאלן זיך נישט קענען אריינכאפן אין די אידישע הערצער.**

ממילא דערפאר לייגט מען דעמאלטס אריין א מורא'דיגע עבודה אפצוהיטן די אידישע קינדער און מ'איז מקיף - מ'נעמט ארום אלע ווינקלען אז גארנישט זאל זיך קענען אריינכאפן אין די הערצער.

## ס'זאל אלעמאל שוועבן אויף אונז די רוח קדושה

פירט דער יסוד יוסף אויס מיט אפענע ווערטער, אז דאס זאל מען אינזינען האבן ווען מ'זאגט 'אנא ה' הושיעה נא', אז **דאס מיינט א רוחניות'דיגע בקשה אויף שמירה, אז דער אויבערשטער זאל אונז אפהיטן פון די אלע רוחות הטומאה**, און 'לחופף תמיד אלינו קדושת שמו יתברך', ס'זאל אלעמאל שוועבן אויף אונז דער קדושה פון דעם אויבערשטנ'ס נאמען, און מ'זאל אלעמאל זיין מעושי רצונו ברוך הוא, וממייחדים שמו יתברך.

אזוי טייטשט אויך הרה"ק ר' **פינחס קאריצער** זי"ע: **שומר הברית עננו ביום קראנו**, אין דעם זכות פון אפהיטן קדושה ווערן די תפילות נתקבל.

זאגט דער 'יסוד יוסף' קלאר אז "דאס האט מען אינזין בשעת די הקפות", אז ס'זאלן זיך נישט קענען אריינכאפן קיין שלעכטע כוחות, ס'זאל אונז

אלעמאל באשיצן די קדושה פונעם אויבערשטן, מ'זאל אלעמאל קענען זיין מעושי רצונו וממייחדים שמו יתברך.

## צעהאקן די מספר פון "דל"

מ'וועט צוענדיגן דעם ענין, מיט א השפעה'דיגע המתקה'דיגע און אן אינטערעסאנטע טייטש פון הרה"ק ר' **יושע'לע דזיקובער** זי"ע, אויף די ווערטער: **חומל דלים הצליחה נא טוב ומטיב עננו ביום קראנו.** ס'איז באקאנט דער דרך פון צדיקים אז ווען זיי האבן געוואלט עפעס ממתיק זיין, האבן זיי גענומען די ווארט פון די צרה און עס אויסגעדרייט אז ס'זאל ווערן עפעס א גוטע המתקה'דיגע טייטש, וו.צ.ב. נגע-ענג, און אויף שמיני עצרת זענען אויך דא ספרים וואס מאכן א שמועס אויף דעם, אז מ'דרייט איבער 'צרעת' אויף 'עצרת'. איז ר' יושע'לע דזיקובער מסביה, וואס טוט א צדיק ווען ער זעט אן ענין פון 'דל' - ארעמקייט, עס איז דאך א שרעקליכע זאך, איז ער עס ממתיק דורכ'ן עס צעהאקן אויף צוויי, און אז מ'נעמט די מספר פון **"דל"** - 'פיר און דרייסיג' און מ'צעהאקט עס אויף צוויי שטיקלעך ווערט עס זיבעצן און זיבעצן וואס דאס איז צוויי מאל 'טוב'. און אויב ער זעט דאס ווארט "דל", געבט זיך דער צדיק אן עצה און ער מאכט עס צו 'טוב ומטיב' - צוויי מאל טוב.

טייטשט ער עס איין זייער אינטערעסאנט, 'הצליחה' טייטשט אויך א לשון פון צעהאקן, ווי דעם לשון הפסוק פון 'וצלחו הירדן' וואס דאס מיינט צעשפאלטן דעם ירדן, און דער תרגום אויף 'ויבק"ע עצי עולה' איז 'וצלח' - ער האט געהאקט די האלץ, ממילא זעט מען אז 'הצליחה' איז א לשון פון צעהאקן.

## ווערט עס א דאפלטע טוב - טוב ומטיב עננו ביום קראנו

טייטשט ער אזוי: חומל דלים, ער האט רחמנות אויף דעם דל, און וויאזוי זענען עס צדיקים ממתיק, הצליחה נא, דורך וואס מ'צעהאקט דעם (גימטריא פון) דל, און דורכדעם ווערט עס 'טוב טוב'. און אויף דעם פירט מען טאקע אויס: טוב ומטיב, צוויי מאל טוב, עננו ביום קראנו, די צדיקים קענען אלעס ממתיק

זיין אז פון דל זאל ווערן טוב טוב, ס'זאל זיין טוב ומטיב עננו ביום קראנו, מ'זאל קענען מקבל זיין אלע השפעות בגשמיות און ברוחניות, הושיעה נא הצליחה נא עננו ביום קראנו.

לקבל הגליון ע"י Email מדי שבוע, בס"ד
נא לשלוח מודעה לאדרעס
Geshmak@Koshermail.net

להערות והארות – וכן ליטול חלק בהוצאת
השיעורים לאור עולם,
נא להשאיר מודעה על מספר הטעלעפאן:
845-540-2180 או ע"י Email אדרעס הנ"ל

שאר דרשות עה"ת ומועדים
ניתן לשמוע בקו 'קול התורה' דחסידי סקווירא
845-678-8363 > 2 > 4 > 7